בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# רַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט דִי הַארְבְּקֵייט פוּן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע, סְפֶּעצִיֶעל אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט וֶוען מֶען מוּז יָא אַרוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת, כְּדֵי צוּ 'רַאטֶעוֶועןן דָאס לֶעבְּן' פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחְמָנָא לִצְלָן.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

לֵיל שִׁשִּׁי תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהֶם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
347-243-2992

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# רַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן

## א.

אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן תַזְרִיעַ-מְצוֹרָע רֶעדְט דִי תּוֹרָה וִוי אַזוֹי מֶען רֵייניגְט אוֹיס אַ 'נֶגַע', אוּן דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוָוארְן חָלִילָה וְחַס קְרֶעצִיג זָאל זִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן אוּן צוּרִיק אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי מַחֲנֶה.

רַשִׁ"י זָאגְט (וַיִּקְרָא יד, ד, בְּשֵׁם חַזַ"ל עֲרָכִין ט"ז ע"ב), אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט קְרֶעצִיג אִיז וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע.

אָבֶּער דָאךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען כְּדֵי צוּ וִויסְן וָואס עֶס הֵייסְט 'לָשׁוֹן הָרַע' וָואס מֶען טָאר 'נִישְׁט' זָאגְן, אוּן וֶוען אִיז אַ מִצְוָה 'יָא' צוּ זָאגְן, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע

breslevcity.co.il

פאַרדרייט ביי דעם אַליין אויך זייער שטאַרק, און זייער אַסאַך מאָל טוט אַ מענטש מוראדיגע עוולות און רשעות און באַרעדט אַנדערע, און ווען מען וויל זיך פאַרטיידיגן און באַוואָרענען, אַז מען זאָל נישט ווערן אינגאַנצן באַגראָבן, און מען איז מגלה ווער דער וואָס רעדט איז, און וואָס זיין כוונה איז, זאָגט יענער גלייך: דו רעדסט לשון הרע! דערפאַר כדי צו וויסן וואָס 'לשון הרע' איז, דאַרף מען קודם גוט קענען די הלכות פון לשון הרע.

ווי באַקאַנט האָט דער הייליגער חפץ חיים זכותו יגן עלינו געמאַכט זיינע ספרים, וואו ער ערקלערט די האַרבקייט פון די גרויסע עבירה פון לשון הרע, און אַלע פּרטים און הלכות פון דעם[1], ווייל ביי לשון הרע אַליין איז אויך דאָ אָן אַ שיעור פּרטים, בכלל וואָס פעלט אויס

1 מען זאָגט נאָך אַז ווען דער גרויסער צדיק און גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זכותו יגן עלינו האָט געזעהן זיינע ספרים, האָט ער געזאָגט: עס פּאַסט פאַר אַ 'ראשון' צו מאַכן אַזאַלכע ספרים.

breslevcity.co.il

צוּ רֶעדְן פוּן אַ צְוֵייטְן, וָואס עֶס וֶועט פוּן דֶעם גָארְנִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען.

אָבֶּער אוֹיב אִיךְ זֶעה לְמָשָׁל אַז אֵיינֶער גְרָאבְּט אַ גְרוּבּ פַאר אֵיינֶעם, אוּן עֶר דֶעקְט עֶס צוּ מִיט עֶפֶּעס וָואס זֶעהְט אוֹיס וִוי גְרָאז, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט כַאפְּן אַז דָארְט אִיז דָא אַ גְרוּבּ, אוּן אִיךְ זָאג עֶס יֶענֶעם אוֹיס, אוּן אִיךְ וָוארְן אִים: גֶעבּ אַכְטוּנְג! גֵיי נִישְׁט בַּיי יֶענֶעם פְּלַאץ, וַוייל דַיינֶע שׂוֹנְאִים הָאבְּן דִיר גֶעמַאכְט אַ גְרוּבּ, אוּן דוּ קֶענְסְט נָאךְ דָארְט אַרַיינְפַאלְן אוּן זִיךְ צוּבְּרֶעכְן דִי הֶענְט אוּן דִי פִּיס, אוּן נָאךְ דָארְט בְּלַייבְּן אוֹיךְ... הֵייסְט דָאס נִישְׁט לָשׁוֹן הָרַע; אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן גְּדַלְיָה בֶּן אֲחִיקוּם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעוָוארְנְט (יִרְמְיָה מ, יד; מא): עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין קַיין מִצְפָּה, וַוייל מֶען גֵייט אִים הַרְגֶ׳ענֶען! אוּן עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן, אוּן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, אוּן עֶר אִיז יָא גֶעגַאנְגֶען, אוּן מֶען הָאט אִים לֵיידֶער גֶע׳הַרְגֶ׳עט (חָפֵץ חַיִּים הִלְכוֹת לָשׁוֹן הָרַע כְּלַל ו, סְעִיף י, וּבְּאֵר מַיִם חַיִּים שָׁם).

breslevcity.co.il

זֶעהְט מֶען אַז אַמָאל דַארְף מֶען אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת, אוּן דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין 'לָשׁוֹן הָרַע', וַוייל דוּרְךְ דֶעם רַאטֶעוֶועט מֶען מֶענְטְשְׁן פוּן טוֹיט. דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַפִילוּ 'בְּגַשְׁמִיוּת', אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי 'בְּרוּחָנִיוּת' אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל יֶענֶעם קַאלְיֶע מַאכְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה מְפַרְסֵם צוּ זַיין, אוּן וָוארֶענֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים, וַוייל חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, ד): קָשֶׁה הַמַּחְטִיאוֹ יוֹתֵר מִן הַהָרְגוֹ - וֶוער עֶס מַאכְט אֵיינֶעם זִינְדִיגְן אִיז עֶרְגֶער פוּן דֶער וָואס הַרְגֶ'עט אֵיינֶעם, וַוייל וֶוען מֶען הַרְגֶ'עט אֵיינֶעם, הָאט מֶען אִים נָאר אָפְּגֶע'הַרְגֶ'עט פוּן דֶער וֶועלְט, אָבֶּער 'עוֹלָם הַבָּא' הָאט עֶר, אָבֶּער אוֹיבּ מַאכְט מֶען אֵיינֶעם זִינְדִיגְן, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט דֶער וֶועלְט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט.

ב.

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר נוֹגֵעַ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא מַתָּנָה אִין דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר: דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן! וָואס זַייט דֶער

breslevcity.co.il

בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא מַתָּנָה וִוי דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז יֶעצְט גֶעגֶעבְּן.

כָאטְשִׁיג יֶעדֶער חָסִיד זָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיף זַיין רֶבִּי: מַיין רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן אוּנְזֶער רֶבִּי אִיז אַזַא מַתָּנָה פַארְן דוֹר וְכוּ'; אָבֶּער אַ 'מְבַקֵשׁ' וָואס לֶערְנְט אִין אַלֶע סְפָרִים, וֶועט זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אוּן זֶעהְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווִיל, אוּן אוֹיף וָואסְפַארַא וֶועג עֶר פִירְט אוּנְז, אוּן צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווִיל אוּנְז צוּבְּרֶענְגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רנא):
עֶר קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם גוּטְן, אוּן נִישְׁט נָאר דִי פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, נָאר אַפִילוּ דִי צַדִיקִים אוּן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן קֶען עֶר אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם גוּטְן, נָאכְמֶער, אַפִילוּ לְהַבְדִיל אַלֶע פֶעלְקֶער קֶען עֶר אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי פִירְן נָאנְט צוּם אִידִישְׁן וֶועג.

breslevcity.co.il

און אַזוֹי וֶועט טַאקֶע זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה יא, ט): **כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה [לָדַעַת] אֶת הֲוָיָ"ה**, וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה וֶועט יֶעדֶער שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶס וֶועט זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶע 'גִילוּי אֱלֹקוּת', און יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט): **כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם הֲוָיָ"ה**. און אַפִילוּ לְהַבְדִיל דִי גוֹיִם וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְן מִיר דְרֵייִ מָאל אַ טָאג צוּם סוֹף פוּנֶעם דַאוֶונֶען, בַּיי דִי מוֹרָא'דִיגֶע תְּפִלָּה פוּן עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ, [וָואס יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטָאט יְרִיחוֹ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], וָואס בַּיי דִי תְּפִלָּה דַאנְקֶען מִיר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר הָאט אוּנְז אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי גוֹיִם. און נָאכְדֶעם לֵייגְט מֶען צוּ: וְעַל כֵּן נְקַוֶּה, וָואס דָאס זֶענֶען מוֹרָא'דִיגֶע תְּפִילוֹת, ווִי מִיר בֶּעטְן און מִיר הָאפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דָאס שֵׁיינְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער

breslevcity.co.il

זאָל אָפּטוהן אַלע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס, בִּיז מען װעט זוֹכה זַײן אַז די גאַנצע װעלט װעט פאַראַכטן װערן, און אַלע מענטשן פון די װעלט װעלן רעדן צום אײבערשטן, און װעלן אַנערקענען אַז עס איז נאָר דאָ אײן באַשעפער װאָס ער איז דער קעניג אויף די גאַנצע װעלט.

זעהט מען פון דעם אַז אַפילו די גוֹיִם װעלן צוריקקומען און אַנערקענען דעם אײבערשטן, חוץ ׳עֲמָלֵק׳ װעט מוזן װערן אינגאַנצן אָפּגעװישט, אָבער אַלע אַנדערע פעלקער װאָס איז אַײנגעטײלט אין צװײ: ׳עֵשָׂיו׳ און ׳יִשְׁמָעֵאל׳ – ׳קריסטן׳ און ׳איסלאַם׳, װעלן צוריק קומען.

און דאָס בעט מען דרײ מאָל אַ טאָג פונעם אײבערשטן: אַז אַלע גוֹיִם זאָלן שוין אָפּלאָזן און אַװעקװאַרפן זײער נאַרישקײטן. ׳אַבְרָהָם׳ װעט אַהײם נעמען זײַן זוהן ׳יִשְׁמָעֵאל׳, אַז די יִשְׁמָעֵאלִים זאָלן שוין אָפּלאָזן אַלע זײערע מְשׁוּגַעַת׳ן; ׳יִצְחָק׳ װעט אַהײם רופן ׳עֵשָׂיו׳ אַז זײ זאָלן אָפּלאָזן זײערע טוּמְאוֹת; און ׳יַעֲקֹב׳ װעט צאַמנעמען די אידישע קינדער פון אַלע צװעלעף

breslevcity.co.il

שְׁבָטִים אִינְאֵיינֶעם; אוּן 'דָוִד הַמֶּלֶךְ' וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְמֶעקְן 'עֲמָלֵק'[2].

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ פַארֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶע נְשָׁמָה פוּנֶעם גְרֶעסְטְן בִּיזְן קְלֶענְסְטְן, אוּן עֶר קֶען יֶעדְן הֶעלְפְן, אָבֶער כְּדֵי דָאס צוּ אַנֶערְקֶענֶען אוּן דָאס שְׁפִּירְן, מוּז זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ קוֹדֶם אַלֵיין גוּט קֶענֶען, אוּן מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען! וַוייל דִי רֶגַע וָואס מֶען קֶען זִיךְ, אוּן מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיס, אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן,

---

2 חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כח ע"א): סַנְחֵרִיב אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעמִישְׁט אַלֶע פֶעלְקֶער; מְמֵילָא זֶענֶען דִי 'עֲמָלֵקִים' אוֹיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן אַלֶע גוֹיִם, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעזֶעהְן בַּיי דִי צְווֵייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, וֶוען דֶער 'אַשְׁמְדָאִי' הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט אַזוֹיפִיל מִילְיָאנֶען אִידְן, הָאבְּן דִי אַרוּמִיגֶע פֶעלְקֶער זֵיי גֶעהָאלְפְן, דִי לִיטְווִישֶׁע, דִי אוּנְגַארִישֶׁע, דִי פָּאלַאקְן, וַוייל צְווִישְׁן זֵיי אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט עֲמָלֵק, אוּן דִי אַלֶע וֶועלְן וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעמֶעקְט.

breslevcity.co.il

פַאלְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע גַדְלוּת אוּן גֵיאוּת, מְמֵילָא שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין דִי אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק.

ג.

אָבֶער דָאס אַז אַ מֶענְטְש זָאל מוֹדֶה זַיין וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אוּן אַיינְזֶעהְן וֶוער עֶר אִיז, אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אוּן צוּ דֶעם אַלֵיין דַארְף מֶען מְקוּרָב וֶוערְן צוּם צַדִיק.

וַוייל אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר נַארְן, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר שְׁמוּאֵל הַנָבִיא וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'רוֹאֶה' - עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַלֶעס (דִבְרֵי הַיָמִים-א כו, כח), נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אוֹיפְנֶעמֶען אֵיינֶער פוּן יִשַׁי'ס קִינְדֶער צוּ זַיין דֶער קֶענִיג אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ יִשַׁי, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן 'אֱלִיאָב' - דֶעם עֶלְטְסְטְן קִינְד פוּן יִשַׁי, אִיז עֶר גֶעוֶוען זִיכֶער אַז אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְגֶעוֶועלְט,

breslevcity.co.il

הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: נֵיין! נִישְׁט אִים מֵיין אִיךְ, כָאטְשִׁיג פוּנְדְרוֹיסְן הָאט עֶר אַ שֵׁיין גֶעשְׁטַאלְט אוּן אַ 'הַדְרַת פָּנִים', אָבֶּער (שְׁמוּאֵל-א טז, ז): הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַה' יִרְאֶה לַלֵּבָב - אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט נָאר וָואס זַיינֶע אוֹיגְן זֶעהְן, אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶעהְט אַרַיין אִינֶעם הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן נִישְׁט אִים הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעוֶועלְט. הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם צְוֵוייטְן קִינְד, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער גֶעזָאגְט: אוֹיךְ נִישְׁט אִים הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט! אוּן אַזוֹי הָאט יִשַׁי גֶעבְּרֶענְגְט פַּאר שְׁמוּאֵל אַלֶע זִיבְּן קִינְדֶער, אוּן שְׁמוּאֵל הָאט אִים אַלְץ גֶעזָאגְט: נִישְׁט זֵיי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְגֶעוֶועלְט!

בִּיז שְׁמוּאֵל פְּרֶעגְט אִים: דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט מֶער קִינְדֶער?! עֶנְדְלִיךְ זָאגְט עֶר: יָא! אֵיין זוּהְן הָאבּ אִיךְ נָאךְ, עֶר אִיז אַ רוֹיטֶער בָּחוּר'ל אוּן עֶר פַּאשֶׁעט שָׁאף (שְׁמוּאֵל-א, טז). זָאגְן חַזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סג, ח): מֶען הָאט דַוְקָא גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז רוֹיט וָואס וַוייזְט אוֹיף רְצִיחָה, אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגְן

breslevcity.co.il

אַז עֶר אִיז אַ 'רוֹצֵחַ'; הָאט שְׁמוּאֵל גֶעזָאגְט: לָאמִיר אִים זֶעהְן! אוּן דֶעמָאלְטְ'ס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: 'אִים' וְויל אִיךְ הָאבְּן! אוּן דָא רֶעדְט מֶען פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס וְוי מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח, ח).

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְט מֶען אוֹיךְ אוֹיפְן הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן 'חוֹזֶה' וַוייל עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֶעהְן אַכְט הוּנְדֶערְט מַייל מִיט אַ קְלָארְן קוּק [אַסְקְפְּלַרְיָא מְאִירָה], אוּן פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיז דִי אַנְדֶערֶע עֶק וֶועלְט מִיט נִישְׁט אַזַא קְלָארְן קוּק [אַסְקְפְּלַרְיָא שֶׁאֵינָהּ מְאִירָה], אוּן אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אַז "דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זֶעהְט אַלֶעס". וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן

breslevcity.co.il

עלינו[3], דאך האט זיך דער הייליגער רבי אמאל אויסגעדרוקט: ער הייסט טאקע ׳חוזה׳ און ער זעהט

[3] כאטש מען זאגט אז ער האט שפעטער נישט מיט געהאלטן אינגאנצן מיטן הייליגן רבי ר׳ אלימלך, און ער האט זיך אוועק געצויגן קיין ׳לאנצוהט׳, ווערט אבער געברענגט אז ער האט דאס געטוהן מיט א מורא׳דיגע כוונה, כדי צו טוהן א טובה פאר זיין גרויסן רבי׳ן, ווייל ער האט געזעהן אז אויב ער וועט אנהייבן יעצט צו פירן ווילאנג דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך לעבט, וועט דאס גורם זיין אז דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זכותו יגן עלינו זאל מוזן אוועק גיין פון דער וועלט (עיין בראשית רבה נח, ב; ברכות מ״ח ע״ב), און ער האט דאך געוואלט אז דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זאל נאך לעבן, וועגן דעם איז ער אוועק געפארן קיין לאנצוהט, וואס איז דעמאלט׳ס געוועזן זייער ווייט פון ליזענסק, און דארט איז ער געווארן א רבי.

אזוי אויך איז באקאנט אז עס איז געוועזן מורא׳דיגע חילוקי דעות צווישן דעם הייליגן צאנזער רב מיט זיין זוהן דער הייליגער שינאווער רב **זכותם תגן עלינו**, און וואס דער טאטע האט געזאגט האט ער געזאגט פונקט פארקערט, און אזוי האט ער זיך געפירט אנדערש ווי דעם טאטן, [כאטשיג דאס איז העכער פון אונזער שכל, און עס איז מורא׳דיג שווער צו פארשטיין ווי אזוי א זוהן זאל זיין קעגן א טאטן, דאך ווייסט מען אז דער הייליגער שינאווער רב איז געוועזן זייער גרויס, און ער האט דאס געטוהן מיט א גוטע כוונה].

breslevcity.co.il

אַלעס, אָבער ער זעהט נאר לויט די דעמאלטסדיגע מצב, "בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם" (בְּרֵאשִׁית כא, יז)[4].

---

[4] דאס האט דער הייליגער רבי געזאָגט ווען ער האט געשיקט זיין תלמיד "רבי זלמן דער קליינער" [מען האט אים אַזוי גערופן ווייל ער איז געווען זייער אַ נידעריגער], ער זאל אַרום פאָרן איבעראַל וואו עס איז נאר דא אַ צַדִּיק, און נעמען הַסְכָּמוֹת אויף זיין סֵפֶר 'לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', דער הייליגער רבי האט אים געבעטן ער זאל קויפן אַ גרויסן בוך, און אין דעם בוך זאל ער אויפשרייבן פונקטליך וואס יעדער צַדִּיק האט געזאָגט, און ווי אַזוי ער האט רעאַגירט ווען ער האט אַריינגעקוקט אינעם סֵפֶר, וואספאַרא תְּנוּעוֹת ער האט געמאכט און דאס גלייכן, אַלעס זאל ער אָנצייכענען, און אַזוי האט ער טאַקע געטוהן, ער האט געפרעגט רְשׁוּת פון זיין ווייב, און ער האט זיך אַרויסגעלאָזט אויף די וועלט, אויסצופירן זיין שְׁלִיחוּת וואס האט געדויערט אַ יאָר צייט, עס איז נישט באַקאַנט וואו ער איז אַלץ געווען, אָבער דער הייליגער רבי האט אים שוין צוגעפירט וואו ער זאל אַלץ פאָרן, [דער הייליגער רבי אַבְרָהָם ב"ר נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (בעמח"ס בֵּיאוּר הַלִּקּוּטִים עַל לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן) האט אַמאָל געזאָגט, אַז ער ווייסט אויף געוויסע צַדִּיקִים וואס זיי האבן געזאָגט, אָבער מיר ווייסן נישט].

וואס מיר ווייסן איז אַז ער האט צאַמגענומען פיר הונדערט אין צעהן הַסְכָּמוֹת, און דאס געבערענגט פאַרן הייליגן רבי'ן, און פונעף הַסְכָּמוֹת האט דער הייליגער רבי נָתָן שפעטער געטראָפן און דאס אַריינגעדרוקט אין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, די ערשטע הַסְכָּמָה איז פונעם הייליגן חוֹזֶה פון לובלין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וואס ער שרייבט אַ אויסטערלישן לָשׁוֹן: הִנֵּה יַד כְּתוּבָה אֵלַי 'בְּאֶצְבַּע אֱלֹקִים' וְכוּ'; [ווי באַקאַנט האט דער הייליגער חוֹזֶה כמעט נישט געגעבן קיין הַסְכָּמוֹת, עס איז אינגאַנצן דא פון אים בלויז צעהן הַסְכָּמוֹת,

breslevcity.co.il

# אוֹיב אַזוֹי פוּן וואו וֵוייסְט אַ מֶענְטְש צוּ עֶר אִיז טַאקֶע מְקוּרָב צוּ אַ אֱמֶתְ'ן צַדִיק? אֶפְשָׁר נַארְט עֶר זִיךְ?! נָאר

---

און אֵיינֶע פוּן דִי אִיז דִי הַסְכָּמָה אוֹיפְן לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן]. אוֹיךְ אִיז דָא מוֹרָא'דִיגֶע הַסְכָּמוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן קָאזְנִיצֶער מַגִיד, און פוּנֶעם הֵיילִיגְן זְלָאטְשׁוּבֶער מַגִיד 'בַּעַל אוֹרַח לְחַיִים', זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, און פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֶפְרָיִם זַלְמָן מַרְגָלְיוֹת 'בַּעַל בֵּית אֶפְרָיִם' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט מוֹרָא'דִיגֶע גְרוֹיסְקֵייטְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע צַדִיקִים וואו עֶר אִיז גֶעפָארְן לוֹיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס בַּאפֶעל, אִיז גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן 'חוֹזֶה מִלוּבְּלִין' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אִים אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן, וְוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז עֶר פָּארְט קַיין לוּבְּלִין צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבְּן זֵיי בֵּיידֶע גֶעשְׁרִיבְּן קְווִיטְלֶעךְ עֶר זָאל דָאס מִיטְנֶעמֶען, און אַרַיינְטְרָאגְן צוּם 'חוֹזֶה', שְׁפֶּעטֶער נָאךְ אַ יָאר צַייט וֶוען עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן זַיין שְׁלִיחוּת, און אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן רֶבִּי'ן דֶעם בּוּךְ אִין וָואס עֶר הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, און עֶר הָאט פַארְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן אַלֶעס וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען, הָאט עֶר אוֹיךְ פַארְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן דִי צְוֵויי קְוִויטְלֶעךְ פוּן רֶבִּי נָתָן און רֶבִּי נַפְתָּלִי פַארְן הֵיילִיגְן חוֹזֶה, אִיז עֶר מֶער אִיבֶּערְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי'ס קְוִויטְל! הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעמָאלְטְ'ס אָנְגֶערוּפְן דֶעם לָשׁוֹן: דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זֶעהְט אַלֶעס 'בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם' – וָואס עֶס טוּט זִיךְ דֶעמָאלְטְ'ס אוֹיף דִי מִינוּט, און רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט דֶעמָאלְטְ'ס גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְטְס אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַכִּסֵּא (עַיֵין בַּאֲרִיכוּת סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַדִיק, סִימָנִים תשמח-תשנג).

breslevcity.co.il

אויב עס פאַלט אויף אים אַרויף אַ 'שפלות', און ער הייבט אָן אײַנצוזעהן: איך בין גאָרנישט! און נישט נאָר איך בין גאָרנישט, נאָר איך ווייס נישט ווי אַזוי איך האָב געקענט טוהן דאָס וואָס איך האָב געטוהן! דעמאָלט'ס איז אַ סימן אַז מען איז מקורב צו אַן אמת'ן צדיק (ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן עב).

ד.

און דאָס איז שוין אַ מורא'דיגע מדרגה אַז "איך ווייס כאָטש ווער איך בין", אַזוי ווי דער הייליגער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן נו): אַמאָל איז דאָ אַן 'הסתרה' – דער באַשעפער איז באַהאַלטן פון'עם מענטש, און אַמאָל איז שוין דאָ 'הסתרה שבתוך הסתרה'; דאָס הייסט, אַז איינער ווייסט אַז ער האָט נישט גוט געטוהן, ער איז דורכגעפאַלן מיט 'חטאות נעורים', און ער שפירט אַז ער איז פאַרקראָכן פון'עם אייבערשטן, דעם קען מען גלײַך העלפן און ער האָט אַ תקנה, אָבער אַמאָל איז דאָ איינער וואָס האָט שוין אַזוי סאַך געזינדיגט, אַז ער שפירט

breslevcity.co.il

גָארְנִישְׁט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטֶס גֶעטוּהְן אוּן אַז עֶר אִיז וַוייט, פַאַרְקֶערְט אַלֶעס אִיז בַּיי אִים רִיכְטִיג אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, עֶר שְׁרֵייט: מֶען זָאל גֵיין צוּ דִי בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת! אָדֶער, אַז בַּיי יֶענֶעם דַארְף מֶען דָאס פַארֶעכְטְן, אוּן בַּיים אַנְדֶערְן דַארְף מֶען עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פַארֶעכְטְן, אָבֶער אִיךְ? דוּ וֵוייסְט וֶוער אִיךְ בִּין? אִיךְ שְׁטַאם פוּן דֶעם אוּן פוּן דֶעם...! בַּיי אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ צְוֵויי מָאל בַּאהַאלְטְן דֶער בַּאשֶׁעפֶער! דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה - עֶר וֵוייסְט נִיטְאַמָאל אַז עֶר אִיז וַוייט, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס. דָאס אִיז דִי קְלָלָה וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים לא, יח): וְאָנֹכִי 'הַסְתֵּר אַסְתִּיר' פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט נֶעבֶּעךְ זַיין אַ דָאפֶּעלְטֶע הַסְתָּרָה. וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הֶעלְפְן.

breslevcity.co.il

ה.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גוּט צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהְן וָואס מֶען דַארְף, דֶעמָאלְטְ'ס זוּכְט עֶר 'הִתְחַזְקוּת', וַוייל דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר וִויל נָאר אַרוֹיפְגֵיין אוּן שְׁטֵייגְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ, יט): **כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה**. אוּן פוּנְקְט וִוי אַ בּוֹים וַואקְסְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף אַרוֹיף, אוּן אוֹיב וֶועסְטוּ נֶעמֶען אַ בְּרֶעט אוּן דָאס אַרוֹיפְלֵייגְן בַּיים שְׁפִּיץ אוּן עֶס צוּדֶעקְן, וֶועט דֶער בּוֹים נָאךְ אַלְץ וַוייטֶער וַואקְסְן, נָאר עֶס וֶועט זִיךְ אַיינְבֵּייגְן פוּן דֶער זַייט, אוּן אַזוֹי וַואקְסְן וַוייטֶער אַרוֹיף פַארְקְרוּמְטֶערְהֵייט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר וִויל שְׁטֶענְדִיג וַואקְסְן, אוּן וִויבַּאלְד עֶר אִיז גוּט צוּבְּרָאכְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן אַז עֶר מַאכְט נִישְׁט אוֹיף קַיין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, אוּן אַז זַיין

breslevcity.co.il

דַאוֶועוֶען איז נִישְׁט קַיין דַאוֶועוֶען, ווייל עֶר דָאךְ הָאבְּן הִתְחַזְקוּת, מְמֵילָא קוּמְט עֶר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה ב׳ מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג ווָאס הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען זָאל אִיבֶּערָאל מַאכְן קְוַואלְן, אַז יֶעדֶער זָאל גְלַייךְ קֶענֶען טְרִינְקֶען, אוּן וֶוען מֶען ווֶעט זֶעהְן אַז אֵיינֶער ווֶעט מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטְן פָּנִים זָאל מֶען אִים גְלַייךְ כַאפְּן; דָאס הֵייסְט, אַז מֶען זָאל מַאכְן אוֹיף יֶעדְן פְּלַאץ אַ בְּרֶסְלֶבְ׳ן שׁוּהְל, אוּן ווֶען מֶען זֶעהְט אַז אֵיינֶער פַארְקְנֵייטְשְׁט דֶעם פָּנִים, עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן, זָאל מֶען אִים אַרַיינְכַאפְּן אוּן מְקַרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווֶעט אִים מוֹרָא׳דִיג מְחַזֵק זַיין, "ווַייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז נָאר הִתְחַזְקוּת".

אוּן בֶּאֱמֶת זִינְדִיגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִיד חַס וְשָׁלוֹם ׳לְהַכְעִיס׳, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אִים, אַזוֹי ווִי חַזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה; אוּן דֶער

breslevcity.co.il

הײליגער רבי איז דאס מסביר (שיחות הר״ן סימן פט), אַז אַפילו די ערשטע עבירה וואס אַ מענטש טוט איז אויך נאר צוליב דעם שווערן גלות וואס אידן לײַדן נעבעך צווישן די גוים, בפרט די פרעשור פון די שטייערן וואס זיי לייגן אַרויף אויף אידן צו באַצאָלן, און דאס איז גורם אַז מען פאַלט אַרײַן אין עבירות, וועגן רעדט נאך די איבעריגע עבירות איז מען שוין נאר אַ **אונס**, ווײַל איין עבירה שלעפט די צווייטע עבירה.

וועגן דעם קען מען דן זײַן יעדן מענטש **לכף זכות!** אַזוי ווי דער הײליגער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א, סימן רפב): מען דאַרף דן זײַן יעדע איד לכף זכות, אַפילו אַ רשע גמור, ווײַל יעדער איד האט עפּעס גוטס אין זיך, און אַז דו וועסט טרעפן בײַ אים **'נקודות טובות'**, וועסטו זעהן אַז ער איז נישט אַזוי שלעכט, ווײַל מיט דעם אַליין

breslevcity.co.il

אַז מֶען טְרֶעפְט עֶפֶּעס גוּטְס בַּיי אִים, הֵייבְּט מֶען אִים אוֹיף, אוּן עֶר וֶוערְט שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ[5].

אוּן דֶער עִיקָר לִימוּד זְכוּת אוֹיף אַ רָשָׁע אִיז, אַז דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבֵירָה אִיז עֶר דוּרְכְגֶעפַאלְן בְּשׁוֹגֵג, אוּן נָאכְדֶעם הָאט שׁוֹין דִי עֲבֵירָה גֶעשְׁלֶעפְּט דִי אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת וַוייל: עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה.

ו.

נָאר אַפִילוּ וֶוען מֶען ווִיל שׁוֹין יָא מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן 'בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת', אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג, מֵחִגֵר): עֶס אִיז דָא אַ בּוֹים, וָואס אוֹיבּ מֶען

---

5 דָאךְ דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, חֵלֶק א, סִימָן פח): אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל הַמֵּסִית; אַז אֵיינֶער אִיז אַ 'מֵסִית' אוּן עֶר רֶעדְט אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַסַאךְ עֶרְגֶער וִוי אַ רָשָׁע, וַוייל אַ רָשָׁע מֵיינְט אֵיינֶער וָואס הָאט אַ גְרוֹיסֶע 'יֵצֶר הָרַע', אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, וֶועגְן דֶעם אִיז אַ מִצְוָה אִים דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת, אָבֶּער פוּן אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

breslevcity.co.il

זָאל דֶעם בּוֹים אָנְטְרִינְקֶן גֶעהֶערִיג מִיט וַואסֶער, וָואלְט פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת און שֵׁדִים גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, וֶועגְן דֶעם פַּארְלֵייגְט זִיךְ דִי 'סִטְרָא אַחְרָא' מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת דָאס צוּ פַּארְשְׁטֶערְן, און זֵיי גְרָאבְּן אַרוּם דֶעם בּוֹים, דֶער עִיקָר אַז דֶער בּוֹים זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶעטְרוּנְקֶען, אָבֶּער עֶס זֶענֶען פַּארְהַאן 'מְדַבְּרִים' - מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס און מַאכְן אָן 'מַחְלוֹקֶת', וָואס זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם צוּ אַלֶע חָרְבָּנוֹת אִין דִי וֶועלְט, בִּיז עֶס וֶוערְט גַאנְצֶע אִיבֶּערְקֶערְנִישְׁן און עֶרְד צִיטֶערְנִישְׁן, אַז עֶס וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ פוּן גְרוֹיס אִיבֶּערְקֶערְנִישׁ אַז דֶער בּוֹים זָאל יָא וֶוערְן אָנְגֶעטְרוּנְקֶן, וֶועגְן דֶעם הַאלְטְן 'יֶענֶע חֶבְרָה' אִין אֵיין גְרָאבְּן אַרוּם דֶעם בּוֹים, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶעטְרוּנְקֶן, וַוייל אֵיינְמָאל אַז דֶער בּוֹים וֶוערְט אָנְגֶעטְרוּנְקֶן צוּפַאלְן דִי 'שֵׁדִים' און דִי 'רוּחוֹת' אִינְגַאנְצְן.

דִי בּוֹים גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים (דְבָרִים כ, יט), אָבֶּער כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וַואקְסְן דַארְף מֶען עֶס אַלְץ אָנְטְרִינְקֶן מִיט

breslevcity.co.il

וַואסֶער, דָאס הֵייסְט, מְחַזֵק זַיין מִיט גוּטֶע דִיבּוּרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין אִים דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס אַזוֹי וַואקְסְט עֶס מֶער אוּן מֶער, אוּן עֶס גֶעט אַרוֹיס שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים א, ג): אֲשֶׁר פִּרְיוֹ יִתֵּן בְּעִתּוֹ; וַוייל יֶעדֶער אִיד וֶוען עֶר זָאל וֶוען מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואלְט עֶר גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ גֶעלָאכְטְן, אָבֶּער אַז מֶען לָאזְט נִישְׁט צוּ קַיין וַואסֶער צוּם בּוֹים, אוּן מֶען גְרָאבְּט אַרוּם אוּן אַרוּם, דָאס הֵייסְט מֶען רֶעדְט רַחְמָנָא לִצְלָן אָפּ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוערְט דָאס בֵּיימֶעלֶע אוֹיסְגֶעטְרוּקֶענְט, אוּן עֶס קֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט שְׁטֵייגְן אוּן וַואקְסְן.

פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן דִי וָואס רֶעדְן 'לָשׁוֹן הָרַע', אוּן פוּן דִי 'מְדַבְּרִים' וָואס זֵיי גְרָאבְּן אַרוּם מִיט זֵייעֶר צוּנְג, אוּן רֶעדְן אָפּ מִיט זֵייעֶר לֵיצָנוּת: בִּיסְט אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְשׁוּגָעִים?! וָואס דוּרְכְדֶעם הָאבְּן מֶענְטְשְׁן 'חֲלִישׁוּת הַדַעַת', אוּן זֵיי בַּאשְׁלִיסְן: אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דָא! אִיךְ שֶׁעם זִיךְ דָא צוּ זַיין! אָדֶער דִי טַאטֶע

מַאמֶע – שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער, שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט דֶעם וְכוּ׳, און אַזוֹי אַרום רַייסְט מֶען אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פונֶעם צַדִיק און פונֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מְמֵילָא הֶערְט עֶר אויף צו רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן, און לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה וְכוּ׳.

ז.

אָבֶּער נָאכְמֶער דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פון דִי וָואס קומֶען מִיט אַ פַארְשְׁטֶעלְטְן פָּנִים כְּאִילוּ עֶר אִיז אויךְ אַ חֲסִידִישֶׁ׳ער אִיד, און אויךְ אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ער חָסִיד, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי שׁוין גוט אָפְּגֶעקִילְט, און זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת און קומֶען מִיךְ אָפְּרֶעדְן אויף אַלֶע עֶרְלֵיי וֶועגְן פונֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, פון זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע הִיטְן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קיט), און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רופְט זֵיי אָן: ׳חֲסִידִים הַנְפִילִים׳ – חֲסִידִים וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וָואס זֵיי זֶענֶען נָאךְ עֶרְגֶער פון אֵיינֶער וָואס

breslevcity.co.il

הָאט זִיךְ גֶע׳שְׁמַדְ׳ט רַחְמָנָא לִצְלָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הֲלָכָה ז, אוֹת נב; שְׁלוּחִין הֲלָכָה ה, אוֹת יז; נְזִיקִין הֲלָכָה ד, אוֹת כז).

וַוייל פוּן אַ ׳מְשׁוּמָד׳ וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דָאס אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גוֹיִם, וֵוייסְט יֶעדֶער אֵיינֶער זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, כָּאטְשִׁיג דִי אִידְן הָאבְּן לֵיידֶער גֶעפֶּערְלִיךְ גֶעלִיטְן פוּן דִי מְשׁוּמָדִים אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נָאךְ מֶער וִוי פוּן דִי גוֹיִם אַלֵיין, וְוִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן גֶעוִויסְט וָואס הֵייסְט אִידִישְׁקֵייט, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעזָאגְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אַלְץ אִין דִי אִידִישֶׁע סְפָרִים, אוּן אַ גוֹי׳אִישֶׁע קָאפּ הָאט דָאס אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט פַארְדְרֵייט, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז אִידְן נוּצְן בְּלוּט אוֹיף מַצוֹת[6].

6 אֵיי דוּ אֵייזְל וָואס דוּ בִּיסְט, קֶענְסְט דָאךְ גֵיין קוּקְן פוּן אָנְפַאנְג וִוי אַזוֹי מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דִי וֵוייץ קֶערְנְדְלֶעךְ פוּן דִי זַאנְגֶען, אוּן מֶען גֶעט אַכְטוּנְג אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין רֶעגְן, אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין אִינֶעם זַאק, אַזוֹי לֵייגְט מֶען עֶס אַוֶועק אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט פֵייכְט, אוּן נָאכְדֶעם צוּמָאלְט מֶען עֶס, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט דִי מֶעהְל אוּן דִי וַואסֶער [אֲפִילוּ זַאלְץ אִיז נִישְׁט דָא אִין דֶעם], אוּן מֶען קְנֶעט דָאס צַאם, נָאר וַואסֶער מִיט מֶעהְל, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי אִיז דָא בְּלוּט אִין דֶעם? מֶען רֶעדְט דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ ׳לַאו׳ אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין בְּלוּט. נוּ, גֵיי לֶערְן דֶעם

breslevcity.co.il

דָאךְ אָבֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז אַ 'חָסִיד שֶׁנָּפַל' אִיז עֶרְגֶער פוּן אַ 'מְשׁוּמָּד', וַוייל פוּן אִים גֶעט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַכְטוּנְג אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעקִילְט, אוּן אַז עֶר קוּמְט מִיט זַיין גַאנְצְן חַסִידִי'שְׁן לְבוּשׁ מִיר זָאגְן: בָּחוּרְ'ל! וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ... דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אַוֶועק דַאוֶוענֶען אַזוֹי לַאנְג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט יוּנְגֶערְהֵייט אוּן גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל עֶרְגֶעץ אָנְקוּמֶען, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, מְמֵילָא זָאג אִיךְ דִיר: לָאז דִיךְ אָפּ! מֶען הָאט דִיךְ סְתַּם אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט! דוּ מֵיינְסְט דוּ וֶועסְט עֶרְגֶעץ אָנְקוּמֶען? דוּ וֶועסְט אַמָאל וֶוערְן אַ בַּעַל מַדְרֵגָה? אוּן אַז מֶען זֶעהְט אַז אַזַא חֲסִידִישֶׁ'ער אִיד מִיטְן גַאנְצְן פְּרַאכְט, מַאכְט אַוֶועק דָאס דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר זָאגְט

---

גוֹי רַמְבַּ"ם... אוּן דָאס אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן דִי 'מְשׁוּמָּדִים' וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶערֶעדְט אַקֶעגְן דִי אִידְן, אַזוֹי וַוייט אַז בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג זָאגְן דִי גוֹיִם, אַז דִי אִידְן הָאבְּן עֶפֶּעס אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם סוֹד בַּיי דִי מַצוֹת.

breslevcity.co.il

קְלָאר אַז עֶס גָארְנִישְׁט וֶועְרד, און אַז עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן דֶערְפוּן, וֶוערְט מֶען לֵיידֶער אָפְּגֶעקִילְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְלַיידְן דִי כְּפִירוֹת וָואס רִינְט אַרוֹיס פוּן דִי בְּרֵייטֶע אַרְבְּל! [חַסִידִי׳שֶׁע אִידְן גֵייעֶן מִיט בְּרֵייטֶע עֶרְמְל אָן קַיין קְנֶעפְּלֶעךְ].

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן ׳תְּפִלָּה׳ און אַז מֶען קֶען רֶעדְן יֶעדֶע זַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען לַאכְט אָפּ פוּנֶעם ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו), הָאט מֶען נָאךְ מֶער חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וַוייל מֶען קֶען לֵיידֶער אִין **בְּרֶסְלֶב** הֶערְן לֵיצָנוּת מַאכְן דֶערְפוּן, און אַז מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ אָפֶענֶע קְלָארֶע שִׂיחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִיז מֶען אַ חָסִיד שֶׁנָפַל, רַחְמָנָא לִצְלָן!

breslevcity.co.il

אָבֶּער מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ אַז מֶען וֶועט רֶעדְן אִין בְּרֶסְלֶב פוּן גֵיין אִין פֶעלְד, לוֹיפְן אִין וַואלְד אַ גַאנְצֶע נַאכְט[7], אוּן אַז מֶען דַארְף נָאכְמַאכְן יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם וְכוּ׳, אָבֶּער מֶען וֶועט נִישְׁט רֶעדְן פוּן ׳מַעֲבִיר סִדְרָה׳ זַיין יֶעדֶע וָואךְ, וָואס דָאס אִיז אַ ׳חִיוּב׳ (שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף א), אוּן דֶער הֵייליִגֶער גְרָ״א הָאט גֶעזָאגְט: וואוּ עֶס שְׁטֵייט ׳חַיָּיב׳ דַארְף מֶען דָאס טוּהְן בִּיז ׳מְסִירוּת נֶפֶשׁ׳. אָבֶּער וִויבַּאלְד פְּרַייטִיג הָאט מֶען נִישְׁט קַיין צַייט אוּן מֶען אִיז פַארְיָאגְט, וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט (שָׁם, סְעִיף ג) אַז מֶען קֶען

---

[7] בֶּאֱמֶת אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים, בַּיי אִים, אִין אִים, יֶעדֶע רֶגַע, קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קֶען בַּאטְרַאכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וִוי אֵיין גְרוֹיסֶער פֶעלְד, אוּן אֵיין גְרוֹיסֶער וַואלְד, אוּן וואוּ עֶר גֵייט וֶועט עֶר זֶעהְן ׳חַיוֹת׳ אִין דֶער גֶעשְׁטַאלְט פוּן ׳מֶענְטְשְׁן׳, אַזוֹי וִוי דֶער הֵייליִגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ ׳חַיָּה בִּדְמוּת אָדָם׳. קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶע גוֹיִם וָואס מֶען זֶעהְט זֶענֶען נִישְׁט מֶער וִוי חַיוֹת אִין מֶענְטְשְׁלִיכְן אוֹיסְזֶעהְן, [דֶערְפַאר אַז מֶען גֵייט אִין גַאס אוּן מֶען זֶעהְט עֶס קוּמֶען אַקֶעגְן אַ בַּאנְדֶע גוֹיִם, גֵייט מֶען אַרָאפּ פוּן ׳סֵיידְוָואק׳ אוּן מֶען גֵייט אַרִיבֶּער דִי אַנְדֶערֶע זַייט גַאס, פוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען זֶעהְט הוּנְט גֵייט מֶען גְלַייךְ אַרִיבֶּער דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוּן מֶען בֶּעהְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! רַאטֶעוֶועַ מִיר פוּן דִי הוּנְט].

breslevcity.co.il

אָנְהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג ; יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָש רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי אַז בִּיז פְרַייטִיג עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין דִי גַאנְצֶע סִדְרָה, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט לֶערְנֶען ׳מִשְׁנַיוֹת׳ אוּן ׳גְמָרָא׳, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע לִימוּדִים.

ווייל דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי וָואס רֶעדְט פוּן ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, רֶעדְט אוֹיךְ פוּן דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוֹיף אַ סֵדֶר, אוּן אַפִּילוּ אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, מְמֵילָא וֶועט מֶען שׁוֹין צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן.

ח.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען, אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז נָאר גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף ״הִתְחַזְקוּת״, כָאטְשִׁיג דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט נָאךְ גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, דָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶועג מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

breslevcity.co.il

אַלֵיין מֵעִיד גֶעוֶוען אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו): וואו עֶס קוּמְט זִיךְ צַאם אַ ׳רֶבִּי׳ מִיט אַ ׳תַּלְמִיד׳, אִיז דָאס אַזוֹי וְוִי ׳מֹשֶׁה׳ אוּן ׳יְהוֹשֻׁעַ׳.

אוּן אֵיינְמָאל שׁוּשַׁן פּוּרִים וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן[8], אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַארְן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּג גֶעטַאנְצְן פּוּרִים, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים! אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט: שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז דִי בְּחִינָה פוּן יְהוֹשֻׁעַ. אוּן דֶעמָאלְס הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קְלָאר

[8] דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם עֶרְשְׁטְן יָאר פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת [תקס״ג], נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף פּוּרִים [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט׳ס גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע], אָבֶער דֶער בַּעַל-עֲגָלָה הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם וֶועג, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֶעגְן אוּן אַ בְּלָאטֶע, עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען פּוּרִים [לֵיל תַּעֲנִית אֶסְתֵּר] אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּלִיבְּן בִּיז צוּפְרִי, אוּן גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין, אִין יֶענֶעם פּוּרִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים וֶועגְן דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו), אוּן אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז דֶער תַּלְמִיד וֶועם עֶר מֵיינְט, אוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער תַּלְמִיד מִיטְן רֶבִּי׳ן זֶענֶען אֵיין זַאךְ (עַיֵין פְּעוּלַת הַצַדִיק סִימָנִים תסד-תסה).

breslevcity.co.il

מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז דֶער תַּלְמִיד אַזוֹי ווִי יְהוֹשֻׁעַ, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים כּוֹלֵל גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט זִיךְ (פְּעוּלַּת הַצַדִיק סִימָן תסה).

אוֹיךְ וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג קַיין אוּמַאן נִסְתַּלֵק צוּ וֶוערְן, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: נַחְמָן נָתָן לַאכְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אוּן נָאכְדֶעם וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן, אוּן מֶען הָאט גֶעזוּכְט פַארְן רֶבִּי׳ן אַ הוֹיז וָואס עֶס זָאל הָאבְּן אַ גָארְטְן אַרוּם[9], אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ׳נַחְמָן נָתָן רַאפָּאפָּארְט׳, אוּן זַיין דִירָה הָאט מֶען פַּארְדִינְגֶען פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, הָאט דִי רֶבִּי גֶעזָאגְט: זֶעהְסְט וואוּ מִיר וואוֹינֶען יֶעצְט? בַּיי נַחְמָן נָתָן! כְּדֵי מְרַמֵז צוּ זַיין נָאכְאַמָאל, אַז ״דֶער ׳רֶבִּי׳ מִיט ׳רֶבִּי נָתָן׳ אִיז אֵיין

---

[9] ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעלִיטְן אוֹיף דִי לוּנְגֶען, עֶר הָאט גֶעהִיסְט אוּן גֶעשְׁפִּיגְן בְּלוּט אָן אוֹיפְהֶער, אוּן דֶעמָאלְט׳ס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רְפוּאָה אוֹיף דֶעם, מְמֵילָא הָאט מֶען גֶעוָואלְט טְרֶעפְן פַארְן רֶבִּי׳ן אַ בַּאקְוֶועמֶען הוֹיז מִיט פַיינֶע לוּפְט.

breslevcity.co.il

זַאךְ״, וַוייל אַ רֶבִּי מִיט זַיין תַּלְמִיד אִיז אֵיין זַאךְ (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן קפה; כּוֹכְבֵי אוֹר, מַאֲמַר חָכְמָה וּבִינָה סִימָן לט).

**רֶבִּי נָתָן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ״ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, קִיצוּר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, לִיקוּטֵי עֵצוֹת** (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שע)[10].

---

[10] וֶועגְן דֶעם, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַז ׳לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן׳ מֶעג מֶען נָאךְ לֶערְנֶען, וַוייל דָאס אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַלֵיין, אָבֶער דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי נָתָן טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן טָעוּת, וַוייל דִי אַלֶע סְפָרִים וָואס מִיר הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט דָאךְ אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן אַפִילוּ דָארְט וואו עֶס שְׁטֵייט אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן ״לָשׁוֹן רַבֵּינוּ״ הָאט אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן גֶעשְׁרִיבְּן, פוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן מַעְתִּיק צוּ זַיין, אוּן עֶס אִיז דָא פְּלֶעצֶער וואו דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אוֹיסְלָאזְן אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן, לְמָשָׁל בַּיי תּוֹרָה נ״ח (עַיֵּין בִּפְנִים מַה שֶּׁכּוֹתֵב מוֹהֲרְנַ״ת ז״ל שָׁם), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעהַאט זַיינֶע טַעֲמִים פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל עֶס דְרוּקְן.

אַזוֹי אוֹיךְ ׳סֵפֶר הַמִּדּוֹת׳ הָאט דִי רֶבִּי פָארְגֶעזָאגְט פוּן זַיינֶע צֶעטְלֶעךְ אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אוּן וְוי בַּאקַאנְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שפ, וְעַיֵּין עוֹד פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תפו), הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַסַאךְ מֶער אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן אוֹיךְ ׳אוֹת רְפוּאָה׳ אַלֵיין הָאט עֶר גֶעהַאט צְוֵויי הוּנְדֶערְט זַייטְן נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן צוּ דְרוּקְן.

breslevcity.co.il

קוּמְט אוֹיס אַז נָאר רֶבִּי נָתָן הָאט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֶעהַאט דֶעם רֶבִּינְ׳ס דַעַת, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז נָאר ׳הִתְחַזְקוּת׳, וַוייל מֶענְטְשְׁן אוֹיף דִי וֶועלְט מוּזְן הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְקוּת. דֶערְפַאר הֵייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אָן זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע הֲלָכָה (הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר הֲלָכָה א), מִיט דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפב) וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן אִיד לְכַף זְכוּת, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן שְׁלָאפְט זַיין מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ס): עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי שְׁלָאפְן אָפּ זֵייעֶרֶע יָארְן, אַפִילוּ זֵיי לֶערְנֶען אוּן זֵיי דַאוֶוענֶען אוּן זֶענֶען מְקַיֵים מִצְוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז אִין אַ בְּחִינָה פוּן שְׁלָאפְן, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם

breslevcity.co.il

אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן עֶרְגֶעץ אוֹיבְן אִין דִי הוֹיכֶע וֶועלְטְן[11].

11 און וֶועגְן דֶעם שְׁרֵייט עֶר בַּיים דַאוְונֶען, עֶר טְרַאכְט אַזוֹי וֶועט זַיין תְּפִלָּה אַרוֹיף גֵיין אוֹיבְן אִין דִי עוֹלָמוֹת, און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ.
מֶען זָאגְט נָאךְ אַז צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר און אַ עוֹשֶׁר, אָבֶער וִויבַּאלְד אַן עוֹשֶׁר הָאט עַזּוּת (מִשְׁלֵי יח, כג), הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַארְן גַבַּאי אַ פֶעטְן מַטְבֵּעַ, עֶר זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן צוּם רֶבִּי׳ן דֶער עֶרְשְׁטֶער נָאךְ שַׁבָּת, וַוייל עֶר הָאט בִּיזְנֶעס און עֶר מוּז גְלַייךְ אַוֶועק פָארְן, דֶער עוֹשֶׁר הָאט זִיךְ טַאקֶע אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט דֶער עֶרְשְׁטֶער, [עֶס אִיז דַאן שׁוֹין גֶעוֶוען זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוְונֶען], אָבֶער אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט אַזַאלֶעכֶע זַאכְן, פְּרֶעגְט עֶר אִים: וואוּ יָאגְסְטוּ זִיךְ? זָאגְט עֶר: עֶר דַארְף פָארְן אוֹיף טָארְנָא, וָואס עֶס אִיז וַוייט אַכְצִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן דָא, און עֶר הָאט דָארְט גֶעשֶׁעפְטְן. שְׁרֵייט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב אָן: דוּ גַאלַגַאן! דוּ יָאגְסְט זִיךְ אוֹיף אַ פְּלַאץ פוּן אַכְצִיג קִילָאמֶעטֶער? אִיךְ דַארְף יֶעצְט אָנְקוּמֶען בַּיים דַאוְונֶען אַ וֶועג פוּן פוּנֶעף הוּנְדֶערְט יָאר, און דָאס אִיז נָאר בִּיז אֵיין עוֹלָם, וַוייל פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל אִיז וַוייט פוּנֶעף הוּנְדֶערְט יָאר, און נָאכְדֶעם פוּן אֵיין הִימְל בִּיז דִי צְוֵוייטֶע דַארְף אִיךְ נָאךְ גֵיין אַ וֶועג פוּן נָאךְ פוּנֶעף הוּנְדֶערְט יָאר (חֲגִיגָה י״ג ע״א), און דוּ יָאגְסְט זִיךְ? אַרוֹיס פוּן דַאנֶעט! און אַוַודַאי הָאט יֶענֶער אִיד גֶעהַאט אַ יְשׁוּעָה, [וִוי בַּאקַאנְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב הָאט גֶעהַאט אַ קְפִּידָה אוֹיף אֵיינֶעם אִיז יֶענֶער גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן].
בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאט מֶען אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת גֶעשְׁרִיבְן אִין דִי סְפָרִים נָאךְ אִים: נ״ע [=נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁרַייבְּט בַּיי אַנְדֶערֶע זי״ע, זצ״ל, זצוק״ל], הָאט זַיין אֵיידֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן דִי

breslevcity.co.il

## ט.

אָבֶּער צוּקוּמֶען צוּ דֶעם אַז מֶען זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מוּז מֶען זַיין מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק וָואס עֶר עֶפֶענְט מִיר אוֹיף דִי מֹחַ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן אִיךְ לֶעבּ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיךְ רֶעד מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

מֶען זֶעהְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ גוּטְן חַבֶר[12], קֶען עֶר מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, אוּן נִיטְאַמָאל כַּאפְּן

רֶבִּי נָאךְ אִים זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט: פַארְוָואס שְׁטוּפְּט אִיר אַרוֹיף דֶעם שְׁוֶוער אוֹיבְן? ״דִי רֶבִּי, דֶער שְׁוֶוער, אִיז דָא מִיט אוּנְז״! [וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרַיי צוּ זַיין שְׁוֶוער, אוֹיף אַזוֹי וַוייט, אַז זַיין רֶעבֶּעצִין הָאט גֶעזָאגְט: אִיר טַאטֶע הָאט נָאר אֵיין חָסִיד! וַוייל פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן רֶבִּי, הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ, נָאר אַלְץ דֶערְמַאנְט זַיין שְׁוֶוער, דִי רֶבִּי].

12 בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ גוּטֶע חַבֶר, וַוייל וֶוען עֶס וֶועט פַאר דֶעם ׳גוּטְן חַבֶר׳ אוֹיסְקוּמֶען בֶּעסֶער דִיךְ צוּ בַּאגְרָאבְּן, וֶועט עֶר דִיר דֶער עֶרְשְׁטֶער בַּאגְרָאבְּן, אַ חַבֶר אִיז נָאר דֶער אֱמֶתֶ׳ער צַדִיק, וָואס עֶר אִיז שׁוֹין מֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וִוי אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס אוֹיבְן אִיז גוּט, דֶערְפַאר גֶעט עֶר דִיר עֵצוֹת וָואס אִיז בֶּאֱמֶת גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ז): דִי עֵצוֹת פוּן דִי

breslevcity.co.il

וואוּ דִי צַייט אִיז פַארְשְׁוִוינְדְן גֶעוָוארְן, וַוייל עֶר זֶעהְט זַיין חַבֶר פַאר זִיךְ, מְמֵילָא קֶען עֶר רֶעדְן מִיט אִים, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט דִי שְׁכִינָה, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג ע"ב): אִין אָנְהֵייבּ אִיז דִי שְׁכִינָה גֶעוֶוען דָא אוּנְטְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר וִויבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט מֶען אַרוֹיפְגֶעשְׁטוּפְּט דִי שְׁכִינָה. אוּן דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי צַדִיקִים, צוּרִיק אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה צוּ אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יט, ז).

---

וֶועלְט זֶענֶען פוּל מִיט לִיגֶענְט אוּן יֶעדֶער מֵיינְט נָאר זִיךְ, אָבֶּער דִי עֵצָה פוּנֶעם צַדִיק אִיז 'כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת', עֶר לֶערְנְט דִיר אוֹיס וָואס עֶס אִיז אוֹיבְן חָשׁוּב; אוּן וִוי טַייעֶר אוּן חָשׁוּב יֶעדֶע מִצְוָה אִיז אִין הִימְל, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס דַארְף מֶען אַרוּמְגֵיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּבְּרָאכְן, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט אַ אִיד דַארְף טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר גֵייט מִיט 'צִיצִית' אוּן אַז עֶר הָאט אָנְגֶעטוּהְן 'תְּפִלִין', וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר מַכְנִיעַ אָן אַ שִׁיעוּר קְלִיפּוֹת (דְזְשֶׁערְמְס) וָואס נֶעמֶען שְׁטֶענְדִיג אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ (בְּרָכוֹת ו ע"א), וָואס זֵיי מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מג): מֶען זָאל זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַפִילוּ פוּן דִי אָטֶעם פוּן אַ רָשָׁע, וַוייל זַיינֶע דְזְשֶׁערְמְס שַׁאדְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם אוּן אַרוּם.

breslevcity.co.il

און דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶה גֶעוֶוען, אַז יֶעדֶער זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, און אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, נֶעבְּן אִים, מְמֵילָא קֶען מֶען רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרַיינְד, און מֶען לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג כַּבְיָכוֹל צוּזַאמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז יֶעדֶער מֶענְטְש אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אָן אַ שִׁיעוּר קְלִיפּוֹת רַחְמָנָא לִצְּלָן, וַוייל פוּן יֶעדְן שְׁלֶעכְטְן גֶעדַאנְק רַחְמָנָא לִצְלָן בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת, און קֶען דֶען אֵיינֶער זָאגְן אַז עֶר אִיז רֵיין פוּן מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת?! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְש דַאוֶוענְט 'שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה' קֶען עֶר וִויסְן וִוי עֶר הַאלְט, אוֹיב עֶר קֶען דוּרְךְ זָאגְן אַ רֵיינֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אָן קַיין מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, אִיז שׁוֹין זַיין מֹחַ רֵיין, אָבֶּער מֶען זֶעהְט אַז דַוְוקָא בַּיי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה קוּמֶען אָן אַלֶע

breslevcity.co.il

מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ל), וָואס דָאס קוּמְט פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת[13].

13 און אַפִּילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תּוֹרָה אִיז דָאס אוֹיךְ מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, וַוייל בַּיים דַאוֶונֶען דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט. עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוֹיף זַיינֶע חֲטאוֹת נְעוּרִים, זַיינֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער דֶער שִׁינָאוֶוער רַב און דֶער גָארְלִיצֶער רַב הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, און אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: טַאטֶע! פוּן וָואסְפַארַא חֲטאוֹת נְעוּרִים רֶעדְסְטוּ?! הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג הָאבּ אִיךְ אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען פַארֶענְטְפֶערְט אַ שְׁוֶוערְן רַמְבַּ"ם! דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין חֲטאוֹת נְעוּרִים.

אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ דָאס אִיבֶּערְצַייגְן, אַז עֶר וֶועט צוּלֵייגְן קָאפּ וֶועט עֶר זֶעהְן וִויפִּיל מַחְשָׁבוֹת עֶר הָאט נָאר אִין אֵיין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אַפִּילוּ עֶר וֶועט זִיךְ צְוִוינְגֶען אִינְזִין צוּ הָאבְּן, און דָאס קוּמְט פוּן זַיינֶע עֲוֹנוֹת; דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִּיל גֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל דַאוֶונֶען תְּפִלָּה בְּכֹחַ. וָואס דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען דַאוֶונְט, אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן אָדֶער זִיךְ וַוארְפְן, וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִינְזִין 'פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת' פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶונֶען בִּיזְן סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; וַוייל דִי אַלֶע פְּסוּקִים און קַאפִּיטְלֶעךְ וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַז דִי מַחְשָׁבָה זָאל זַיין רֵיין בַּיים דַאוֶונֶען.

breslevcity.co.il

עֶס הָאט פַּאסִירְט אֵיינְמָאל אַז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶונֶען, וַוייל דִי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שְׁטֶערְן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: נֶעמְט מֶען דָאס פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת; וַוייל דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת אַלֵיין!

אָבֶּער דֶער צַדִיק נֶעמְט אַרָאפּ פוּן אוּנְז דִי מְחִיצוֹת וָואס פַארְשְׁטֶעלְט פוּן אוּנְז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן וָואס מֶער מִיר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, וֶוערְט אָפְּגֶעטוּהְן פוּן אוּנְז דִי אַלֶע לְבוּשִׁים, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ לִיבְּן מֶער אוּן מֶער מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לג), בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ זֶעהְן דִי שֵׁיינְקַייט אוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דִי צִיצִית, תְּפִלִין, בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, וָואס מִיט דִי אַלֶע מִצְוֹת בַּאזִיגְט מֶען דִי

breslevcity.co.il

קְלִיפּוֹת[14], וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הִתְחַזְקוּת לֶעבְּט עֶר אוֹיף, אוּן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז שׁוֹין גָאר אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן, זַיין מֹחַ אִיז אִים וַואך, אוּן אַלֶע מִצְווֹת טוּט עֶר מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חַיוּת אוּן פְרִישְׁקֵייט.

י.

דֶערְפַאר נָאכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען גוּט צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר טְרֶעפְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, שְׁפִּירְט עֶר אַלֶע לֶעכְטִיגְקֵייטְן דֶערִינֶען, אוּן עֶר וואוּנְדֶערְט

14 אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נְקָמָה קֶעגְן דִי סִטְרָא אַחְרָא וָואס הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין אַוֶועק וַוארְפְן דִי צִיצִית אוּן אָפְּשְׁנַיידְן מַיין פֵּיאוֹת חַס וְשָׁלוֹם, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מִיר דֶער צַדִיק אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז מַיין גְרֶעסְטֶע שְׁטָאלְץ.

אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען לֶערְנְט דָאס לֵיידֶער נִישְׁט אוֹיס פַאר בָּחוּרִים, מְמֵילָא אִיז מֶען צוּקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, פַאלְט מֶען אַרָאפּ אוּן מֶען קוּקְט צַאם אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען נָאךְ אַסַאךְ מֶער צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען מַאכְט אָפּ אַז מֶען הָאט שׁוֹין סֵיי וְוי נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן נָאכְצוּלָאזְן מֶער אוּן מֶער פוּן אִידִישְׁקֵייט: מֶען לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין, מֶען גֵייט שׁוֹין נִישְׁט מִיט קַיין צִיצִית, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וְכוּ', בִּיז מֶען פַאלְט אַוֶועק אִינְגַאנְצְן רַחְמָנָא לִצְלָן. אַלֶעס וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מִצְוָה.

breslevcity.co.il

זִיךְ: פוּן וואוּ וֵוייסְט דֶער צַדִיק וָואס הָאט גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר'ל אַזוֹי גוּט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ?! מַמָש אַזַא רוּחַ הַקוֹדֶש?! אָבֶער אֵיינְמָאל אַז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן גְרוֹיס בַּיי זִיךְ, וֶוערְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים בִּילִיג בַּיי אִים, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אוֹיךְ, אוּן אַז עֶר קֶען שׁוֹין אוֹיךְ דֶעם טְרִיק... אוּן עֶר זָאגְט אַז אִין דִי סְפָרִים שְׁטֵייט פָּשׁוּטֶ'ע זַאכְן, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז הַלְוַואי זָאל עֶר נָאר פָאלְגְן דִי פָּשׁוּטֶ'ע זַאכְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיכְן לֶעבְּן, אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד!!!

בִּכְלַל הָאט עֶר שׁוֹין פַארְגֶעסְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גוּט צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין צוּ אַ סֶעקְייעֶטְרִיסְט, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שְׁוֶוערֶע מֶעדֶעצִינֶען, דֶעמָאלְטְ'ס הָאט עֶר זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן נָאר דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאבְּן אִים גֶעְרַאטֶעוֶועט אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיין שְׁוֶוערְן מַצָב,

breslevcity.co.il

און יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, שֶׁעמְט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּ רֶעדְן רַחְמָנָא לִצְלָן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים ? !

יא.

וֶועגְן דֶעם דֶער וָואס טְרֶעפְּט דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, בִּפְרַט דֶער וָואס רֶעדְט רַחְמָנָא לִצְלָן לָשׁוֹן הָרַע אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶוערְט רַחְמָנָא לִצְלָן אַ ׳מְצוֹרָע׳, וָואס דָאס אִיז דִי וֶוערְטֶער: מוֹצִיא-רַע – עֶר טְרֶעפְּט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם. און דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר קְרֶעצִיג; דָאס הֵייסְט, עֶס וֶוערְט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס לֶעכְטִיגְקֵייט, און עֶס אִיז אִים נֶעבֶּעךְ בִּיטֶער און פִינְסְטֶער (זוֹהַר וַיִקְרָא מ״ט ע״ב), וָואס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם וָואס עֶר קְרִיגְט אוֹיפְן אֱמֶת׳ן צַדִיק, דֶערְפַאר אִיז זַיין עוֹנֶשׁ אַז עֶס וֶוערְט פוּן אִים פַארְהוֹילְן דִי לֶעכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל אַז עֶר וִויל נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, און עֶר אִיז מְזַלְזֵל אִין דֶעם מִיט אַלֶע סָארְט תִּירוּצִים [דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פַארְשַׁאפְט נָאךְ

breslevcity.co.il

אויך מקורות אויף דעם], איז אים נעבעך זייער ביטער אויף דער וועלט.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן סא): עס איז שוין אַרויסגעקומען פאַרשידענע ספרים, און עס וועט נאך אַרויסקומען נאך אַסאך ספרים, און אַלעס פעלט אויס פאַר די וועלט. דער הייליגער רבי נתן איז דאס מסביר (לקוטי הלכות קדושין, הלכה ג), אַז מען זעהט בחוש אַז יעדער מענטש האט אַ חיות אין אַ אַנדערע ספר, דערפאַר טאר מען חלילה נישט אַוועק מאכן קיין שום ערליכע ספר; ווער רעדט נאך פון קריגן חלילה אַדער אַוועק מאכן די ספרים פונעם הייליגן רבי'ן.

בכלל איז אַ גרויסער וואונדער, ווי אַזוי קענען אַזאלעכע קליינע מענטשעלעך ווי מיר זענען, זיך וואגן צו נעמען אַ שטעלונג און נישט ציטערן צו זאגן דעות

breslevcity.co.il

## אוֹיף הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים אוּן קְדוֹשִׁים[15] ?!

---

15 אוֹיסֶער דֶעם אִיז בִּכְלַל אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט צוּ רֶעדְן קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' אוּן פוּן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' וְכוּ', אוּן דָאס גְרֶענִיצְט זִיךְ אוֹיךְ מִיט רִשְׁעוּת אוּן רְצִיחָה, וַוייל לֵיידֶער לֵיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ טוֹיזֶענְטֶער בָּחוּרִים אַרוּם פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, וָואס מֶען קֶען זִיךְ דָאס אִיבֶּערְצַייגְן אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִין דִי 'בֵּין הַזְמַנִים' טֶעג, וָואס דֶעמָאלְטְ'ס אִיז דָאס מִיט אַ סְטֶעמְפְּל אַז מֶען דַארְף נִישְׁט לֶערְנֶען, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קֵיין יְשִׁיבָה, אוּן דֶער בָּחוּר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: גֶענוּג וָואס אַ גַאנְץ יָאר בִּין אִיךְ אִין 'גָלוּת' אִין דִי יְשִׁיבָה, כָאטְשׁ יֶעצְט 'בֵּין הַזְמַנִים' לָאז מִיךְ אָפּ. אוּן מֶען מַאכְט טַאקֶע נִישְׁט אוֹיף קֵיין 'חוּמָש', אַ 'מִשְׁנָיוֹת' אַוַודַאי נִישְׁט, אוּן אַ 'גְמָרָא' אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי נִישְׁט, בְּשָׁעַת אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם 'דֶרֶךְ הַלִימוּד' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, זִיצְן זֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג מִיט אַ חֵשֶׁק דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֵיי פַארְפֶעלְן נִישְׁט קֵיין אֵיין טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ 'דַף גְמָרָא' אִין דִי רֵייעֶ, נִישְׁט קֵיין חִילוּק צוּ עֶס אִיז **יוֹם כִּיפּוּר**, אָדֶער **תִּשְׁעָה בְּאָב**, אוֹיף דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אִיז מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר, אוּן אַזוֹי חַזֶר'ט מֶען יֶעדְן טָאג **'פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת'** אִין דִי רֵייעֶ, אוּן **'חוּמָש רַשִׁ"י'** לֶערְנְט מֶען אַוַודַאי יֶעדְן טָאג, וַוייל מֶען מוּז דָאךְ **'מַעֲבִיר סִדְרָה'** זַיין יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע סִדְרָה, וָואס אִיז אוֹיךְ אַ סְגוּלָה אוֹיף **אֲרִיכוּת יָמִים**, אוּן אַזוֹי לֶערְנֶען זֵיי יֶעדְן טָאג נָאךְ לִימוּדִים, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי תּוֹרָה וָואס דָאס הִיט זֵיי אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיב דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד', הָאסְטוּ גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דִי אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט לֶערְנֶען, מְמֵילָא גֵייעֶן זֵיי נָאכְדֶעם אַרוּיס

breslevcity.co.il

אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג אַז מֶען זָאגְט אוֹיס דֶעם אֱמֶת, אוּן מֶען וַוייזְט וָואסְפַאַרְא פָּנִים עֶס הָאבְּן דִי וָואס רֶעדְן רַחְמָנָא לִצְלָן אַקֶעגְן דֶעם צַדִיק, נֶעמְט מֶען זִיךְ שְׁרַייעֶן: וְויאַזוֹי מֶעג מֶען רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף זֵיי? בְּשַׁעַת דָאס הֵייסְט בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין לָשׁוֹן הָרַע! וַוייל אַז עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אַז דֶער בָּחוּר אָדֶער אִינְגֶערְמַאן מַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דֶעם חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, אוּן גְמָרָא, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער וִוי אַ רוֹצֵחַ וָואס הַרְגֶ'עט אֵיינֶעם, וַוייל מִיט זַיין לֵיצָנוּת הַרְגֶ'עט עֶר אִים אָפּ סַיי פוּן דֶער וֶועלְט אוּן סַיי פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען בִּכְלַל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט

---

'לְתַּרְבּוּת רָעָה רַחְמָנָא לִצְלָן', וַוייל אָן תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ הַיינְט נִישְׁט הַאלְטְן בְּשׁוּם אוֹפָן, אוּן אַלֶעס הָאסְטוּ מִיט דַיינֶע חָכְמוֹת גוֹרֵם גֶעוֶוען הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

breslevcity.co.il

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): כָּאטְשִׁיג עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יז) הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ. דָאךְ קֶען נִישְׁט יֶעדֶער זָאגְן תּוֹכָחָה, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ דֶעם קֶען מֶען יֶענֶעם אָפְּשְׁנַיידְן פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אִים נָאךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּרַייסְן פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן.

אוּן פַארְקֶערְט, אַז מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַ מֶענְטְשׁ, בִּפְרַט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, קֶען מֶען אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ[16].

16 וָואס דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, וָואס נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן חֲטָאוֹת נְעוּרִים, אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס; מֶענְטְשְׁן בַּאקְלָאגְן זִיךְ אַז עֶס גֵייט הַיינְט זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט טְרֶעפְן שִׁידוּכִים פַאר דִי בָּחוּרִים, אָבֶער בֶּאֱמֶת וַוייזְט דִי סְטַאטִיסְטִיק אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מֶער מֵיידְלֶעךְ וִוי יוּנְגְלֶעךְ, אוּן עֶס אִיז דָא גֶענוּג שִׁידוּכִים, נָאר דִי עִיקָר צָרָה אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועהְלט זִיךְ, אוּן עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען סַיי וֶועם, אוּן אוֹיף יֶעדֶע שִׁידוּךְ הָאט עֶר אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ, אֵיינְמָאל אַז עֶר בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ דֶעם זֶעלְבְּן רֶבִּי'ן, אֵיינְמָאל

breslevcity.co.il

## יב.

וֶועגְן דֶעם וֶוען אַ מֶענְטְש רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אִיז זַיין שְׁטְרָאף אַז עֶר דַארְף זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט אוּן זִיצְן עֶקְסְטֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם מַחֲנֶה (וַיִּקְרָא יג, מו), וְוייבַּאלְד עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע לָשׁוֹן הָרַע׳ס אָפְּצוּטֵיילְן צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אוּן צְוִוישְׁן אַ מֶענְטְש מִיט זַיין חַבֵר, אוּן צְוִוישְׁן דֶעם מֶענְטְש מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר דַארְף עֶר יֶעצְט זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט.

חַזַ״ל זָאגְן (מְגִילָּה י״ג ע״ב): עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס זָאל אַזוֹי גוּט קֶענֶען זָאגְן לָשׁוֹן הָרַע אַזוֹי וְוִי

---

טַעְנָה׳ט עֶר וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ טֶעקְסִי דְרֵייוֶוער וְכוּ׳ וְכוּ׳, בִּשְׁעַת דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ס״ג ע״א): **נְחִית דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא** – גֵיי אַרָאפּ אַ שְׁטַאפְּל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ וַוייבּ; אוּן אַמָאל אַז אַ מֶענְטְש טַעְנָה׳ט: אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אוּן דָאךְ טְרֶעף אִיךְ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ?! וֶועגְן דֶעם זָאגְן חַזַ״ל (שָׁם): גֵיי אַרָאפּ נָאךְ אַ שְׁטַאפְּל! עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג אַז דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט, פוּן דִי גָארְנִישְׁט דַארְפְסְטוּ אַרָאפְּגֵיין נָאךְ אַ שְׁטַאפְּל, אוּן דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט שֶׁבְּגָארְנִישְׁט, אוּן הַלְוַואי וֶועט זַיין אֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וָואס זָאל מִיךְ וֶועלְן נֶעמֶען, דֶעמָאלְטְ׳ס וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט גְלַייךְ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

breslevcity.co.il

הָמָן, וָואס עֶר הָאט מְקַטְרֵג גֶעוֶועְן און גֶעזָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁלָאפְט שׁוֹין, און עֶר הָאט שׁוֹין חָלִילָה פַארְגֶעסְן פוּן דִי אִידְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֶסְתֵּר ג, ח): יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד. און אַז אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, און פַאלְט אַרַיין אִין אַ טִיפְן שְׁלָאף, און עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְיַיאֵשׁ, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט נָאכְדֶעם אַרוֹיס אַז אִידְן וֶוערְן צוּשְׁפְּלִיטֶערְט צְוִוישְׁן זִיךְ, און דָאס הָאט הָמָן גֶעוָואלְט מְקַטְרֵג זַיין. וֶועגְן דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און עֶר וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן שְׁלָאף, און עֶר זָאגְט אוּנְז: וָואס אִיז מִיט דִיר?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר לֶעבְּט און עֶר אִיז מְחַיֶה אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט יֶעדֶע רֶגַע, וָואס דָאס גֶעט אַרַיין אַ פְּרִישֶׁע הָאפֶענוּנְג און חַיוּת אִין אַ מֶענְטְשׁ.

אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶעהְט מֶען אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן פַאר הָמָן זַיינֶע אַלֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס, און עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַז 'מָרְדְכַי' אִיז גֶעזִיצְן אוֹיפְן פֶערְד, און 'הָמָן' הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דֶעם פֶערְד, און זָאגְן (אֶסְתֵּר

ו, ט) : כָּכָה יֵעָשֶׂה לְאִישׁ וְכוּ׳. און זַיין אֵייגֶענֶע טָאכְטֶער הָאט אִים אָפְּגֶעגָאסְן מִיט אַ טָאפּ צוֹאָה, און זַיין שַׁאנְד אִיז אוֹיפְגֶעדֶעקְט גֶעוָוארְן פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וַוייל אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער וֶועלְט, אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אָן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַנְדֶערֶע, כַאפְּן נָאכְדֶעם אַלֶעס צוּרִיק, און טַאקֶע פוּן דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּב, און מֶען זֶעהְט אָפֶען דֶעם אֱמֶת.

יג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ג) : אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הֶערְן זִינְגֶען פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, וַוייל מִיט זַיינֶע נִיגוּנִים קֶען עֶר דִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, וֶועגְן דֶעם זָאגְט דִי וֶועלְט אַז אַלֶע חַזָנִים זֶענֶען נַארָאנִים; און דָאס זֶעהְט מֶען הַיינְט בְּחוּשׁ וִוי אַזוֹי דִי אַלֶע זִינְגֶערְס מַאכְן אַלֶע נַארִישֶׁע פַּאקְסְן און וַוארְפְּן זִיךְ אַזוֹי וִוי דִי שְׁוַוארְצֶע גוֹיִם, און יֶעדֶע מָאל פַארְשְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אַנְדֶערְשׁ, און דִי קִינְדֶער קוּקְן זִיךְ דָאס צוּ, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הֶערְן אַזַא אֵיינֶעם זִינְגֶען, וַוייל דִי נִיגוּנִים שַׁאדְט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער אַ

breslevcity.co.il

עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער וָואס זִינְגְט הַארְצִיגֶע נִיגוּנִים, אוּן אַלֶע זַיינֶע דִיבּוּרִים אִיז נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער הֵייסְט אַ 'מְנַגֵן כָּשֵׁר', אוּן דָאס הֶעלְפְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵׁם, וַוייל דָאס צִיהְט דֶעם מֶענְטְש צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

יד.

טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ וָואס דֶער מְצוֹרָע הָאט גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען, וָואס אֵיינְס וַוייזְט אוֹיף דִי פַארְשְׁטַאנְד [בִּינָה], אוּן אֵיינְס וַוייזְט אוֹיף דָאס רֶעדְן [מַלְכוּת], אוּן דִי צְוֵויי דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין צוּזַאמֶען, דָאס הֵייסְט אַז מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אוּן אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן אַזוֹי בַּאהֶעפְט מֶען דִי צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ אִינְאֵיינֶעם, וֶועגְן דֶעם וֶוען אַ עֶרְלִיכֶער אִיד זִינְגְט בְּרֶענְגְט עֶר צַאם דֶעם דִיבּוּר מִיטְן מֹחַ, וַוייל עֶר זִינְגְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה.

אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ זִינְגְט, אִיז דָאס צְוֵויי טָמֵא'נֶע פֵייגְלֶעךְ, וַוייל זַיין 'מֹחַ' טְרַאכְט פוּן

breslevcity.co.il

אַלֶע שְׁוַוארְצֶע גוֹיִם וָואס עֶר מַאכְט זֵיי דֶעמָאלְטְ'ס נָאךְ, אַזוֹי אוֹיךְ זַיין 'דִיבּוּר' זִינְגְט אַלֶע גוֹי'אִישֶׁע נִיגוּנִים, אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אַרָאפּ רַחְמָנָא לִצְלָן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט דָאס פוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶועגְן דֶעם אִיז גֶעוֶוען דֶער תִּיקוּן פַאר אַ 'מְצוֹרָע' וָואס הָאט גֶערֶעדְט 'לָשׁוֹן הָרַע', אַז עֶר זָאל נֶעמֶען צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ, אוּן דִי טַעַם אוֹיף דֶעם זָאגְט רַשִׁ"י (וַיִּקְרָא יד, ד) אַז וְוִיבַּאלְד אַ פֵייגְל קְוִויטְשֶׁעט שְׁטֶענְדִיג, זָאל עֶס מְכַפֵּר זַיין פַאר דֶעם מְצוֹרָע וָואס הָאט גֶעפְּלַאפֶּעלְט אוּן גֶערֶעדְט וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, אוּן זַיין רֶעדְן אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטִיקְל טֶענֶען-הָאלְץ וָואס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע בּוֹים, אוּן אַ 'אֵזוֹב' גְרָאז וָואס אִיז זֵייעֶר קְלֵיין, אוּן אַ דִינֶע רוֹיטֶע פָאדֶעם, צוּ וַוייזְן אַז קֶעגְן דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בִּיז יֶעצְט זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ

breslevcity.co.il

צְוֵוייטְן, זָאל עֶר זִיךְ יֶעצְט הַאלְטְן קְלֵיין אוּן ווִיסְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעדַארְפְט שֶׁחְטְ'ן אֵיין פֵייגֶעלֶע, אוּן אַיינְטוּנְקֶען דִי אַלֶע דְרֵיי זַאכְן אִין זַיין בְּלוּט, אוּן דִי אַנְדֶערֶע פֵייגֶעלֶע זָאל עֶר לָאזְן אַוֶועק פְלִיעֶן אוֹיף דֶער פְרֵיי; דָאס הֵייסְט, דִי עֶרְשְׁטֶע פֵייגֶעלֶע וָואס מֶען הָאט גֶע'שֶׁחְטְ'ן ווַייזְט אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף וָואס מֶען רֶעדְט, ווַייל מִיטְן דִיבּוּר קֶען מֶען רַחְמָנָא לִצְלָן הַרְגֶ'עֶנֶען אַ מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה ט, ז): חֵץ שָׁחוּט לְשׁוֹנָם. דֶערְפַאר דַארְף מֶען שֶׁחְטְ'ן דִי צוּנְג, דָאס צוּ נוּצְן נָאר פַאר גוּטֶע זַאכְן, מְחַזֵק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן 'נִיבּוּל פֶּה', וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין לָאזְן דִי צְוֵוייטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע פֵייגֶעלֶע פְרֵיי, ווַייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעט אַכְטוּנְג וָואס עֶר רֶעדְט הָאט עֶר שׁוֹין מְמֵילָא אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אוּן עֶר וֶועט מַכִּיר זַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז דֶער חַי הַחַיִּים.

breslevcity.co.il

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ב, ו): **מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה**, דוּרְךְ דִּי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען וִויסְן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר טְרַאכְט; אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט 'נִיבּוּל פֶּה' אִיז אַ סִימָן אַז עֶר טְרַאכְט פוּן שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִבּוּל פֶּה, סִימָן א).

## טו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעז): חוֹדֶשׁ אִיָּיר (מַאי) אִיז דֶער חוֹדֶשׁ פוּן **רְפוּאָה**, אוּן אַלֶע וָואס וֵוייסְן דֶעם סוֹד פוּן רְפוּאָה נֶעמֶען דֶעמָאלְט'ס צַאם אַלֶע גְרָאזְן צוּ מַאכְן דִי מֶעדֶעצִינֶען; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵּין בַּסֵּפֶר עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל עִנְיָנֵי חוֹדֶשׁ אִיָּיר; בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר חוֹדֶשׁ אִיָּיר מַאֲמַר א, מַהוּת הַחוֹדֶשׁ) אַז דֶער פָּסוּק (שְׁמוֹת טו, כו) **אֲ'נִי יי' ר'ֹפְאֶךָ** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אִיָּיר', וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז דִי מֶערְסְטֶע מְסוּגָּל פַאר רְפוּאָה, וֶועגְן דֶעם וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵּין אִמְרֵי פִּנְחָס סִימָן שה), אַז חוֹדֶשׁ אִיָּיר וֶוען עֶס רֶעגְנְט זָאל מֶען אַרוֹיס גֵיין אוּן אוֹיפְמַאכְן דִי מוֹיל אַז דִי

breslevcity.co.il

רֶעגְן זָאל אַרַיין גֵיין גְלַייךְ אִין מוֹיל, אַזוֹי וֶועט מֶען זַיין אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְש.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אִין דֶעם חוֹדֶש דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחְלוֹקֶת, וֶועגְן דֶעם אִיז 'אִיָּר' רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **אֹ**יְבַי **יָ**שֻׁבוּ **יֵ**בֹשׁוּ **רָ**גַע (תְּהִלִּים ו, יא) אִין דֶעם חוֹדֶש אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ קֶענֶען בַּייקוּמֶען אַלֶע פַיינְט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ מַפָּלָה. וַוייל מַחְלוֹקֶת אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן **שָׁלוֹם-בַּיִת** אִין שְׁטוּבּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען יֶעצְט אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף **שָׁלוֹם**, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ, נָאר שְׁטֶענְדִיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נָאכְגֶעבְּן, אָבֶער אוֹיבּ אַ מֶענְטְש אִיז אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, אוּן עֶר קְרִיגְט זִיךְ אוּן עֶר מוּז אַלֶעמָאל בְּלַייבְּן גֶערֶעכְט, צוּבְּרֶעכְט עֶר זַיין שְׁטוּבּ מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר זִיךְ טְרֶעפְן אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל דִי וַוייבּ וֶועט דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, אוּן זִי וֶועט אִים אִיבֶּערְלָאזְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן

breslevcity.co.il

צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן יֶעצְט וֶועט עֶר שׁוֹין דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים מֶען זָאל אִיר קֶענֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען, וָואס אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל אוּן עֶר גֶעט וֶוען נָאךְ, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעדַארְפְט בִּכְלַל קוּמֶען צוּ דֶעם, אוּן עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג צוּפְרִידְן לֶעבְּן אָן קַיין קְרִיגֶערַיי.

וֶועגְן דֶעם אִיז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ דִי צַייט דָאס צוּ פַארֶעכְטְן, וָואס אוֹיף דֶעם אִיז גֶעשְׁטֶעלְט דִי סְפִירָה טֶעג, וַוייל אִין דִי טֶעג זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג מְכַבֵּד גֶעוֶועזְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן (יְבָמוֹת ס״ב ע״ב), אוּן דִי תִּיקוּן פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הֵיילִיגֶע חֲבְרַיָיא (זוֹהַר פַּרְשַׁת נָשֹׂא, קכ״ח ע״א): **אֲנַן בְּחַבִיבוּתָא תַּלְיָא** – מִיר זֶענֶען תָּלוּי נָאר אִין אַהֲבָה.

וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער טָאג פוּן לַ״ג בָּעוֹמֶר אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן עֶס הֶערְשְׁט דֶעמָאלְטְ׳ס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי

breslevcity.co.il

עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳ענְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תצ״ג, סְעִיף ב), אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין תַּחֲנוּן. אוּן אַמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז אֵיינֶער הָאט יָא גֶעזָאגְט תַּחֲנוּן, הָאט זִיךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי צוּ אִים אַנְטְפְּלֶעקְט אוּן זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים, הַיִּתָּכֵן עֶר זָאגְט תַּחֲנוּן אִין זַיין יוֹם הִילוּלָא (מָגֵן אַבְרָהָם שָׁם, סְעִיף קָטָן ג); וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז וֶוען אִידְן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים זָאל אוֹיף אוּנְז מֵגִין זַיין אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶערְלֶעבְּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

breslevcity.co.il